# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ שׁוֹין אִינֶעם חֹדֶשׁ נִיסָן, 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים'. עֶס אִיז יָדוּעַ פוּן סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז דֶער גַאנְצֶער חֹדֶשׁ הָאט אַ קְדוּשָּׁה פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ לֵיינְט מֶען דִי אַלֶע דְרַייצְן טֶעג דֶער נָשִׂיא פוּנֶעם טָאג, וָואס דַאן אִיז גֶעוֶוען דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ וֶוען דִי נְשִׂיאִים הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָרְבָּנוֹת.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן אוּן גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס אִין דֶעם יוֹם טוֹב גֵייעֶן דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם גָלוּת מִצְרַיִם. מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט, אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן צָרוֹת, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם בְּגַשְׁמִיּוּת. מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה: 'בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם'.

מִיר דַארְפְן מִתְפַּלֵּל זַיין אִינְמִיטְן רֵיינִיגְן, אַיינְקוֹיפְן אוּן צוּהֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ פַאר פֶּסַח: "זַכֵּינוּ לִטְעֹם טַעַם חֵרוּת שֶׁל פֶּסַח! 'זַכֵּינוּ', אִיךְ זָאל קֶענֶען רֵיינִיגְן מַיין קָאפּ אוּן מַיין הַארְץ פוּן חָמֵץ!" אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה ה): אַז "מֶען דַארְף אוֹיסְרוֹימֶען דֶער מֹחַ פוּן חָמֵץ – דָאס זֶענֶען אַלֶע תַּאֲווֹת, דַאֲגוֹת, נִישְׁט גוּטֶע מִדּוֹת." יֶעצְט אִיז דִי צַייט דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי שְׁטוּבּ, מֶען קְרַאצְט, שַׁארְט, אוּן רַייבְּט אוֹיס אַלֶע וִוינְקְלֶען ווּאוּ עֶס אִיז נָאר דָא חָמֵץ, אַזוֹי דַארְפְן מִיר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה רֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ אוּן מֹחַ עֶס זָאל זַיין רֵיין אִינְגַאנְצְן לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס קוּמְט צוּ גֵיין.

ר' נָתָן, אִין תְּפִלָּה מ"ט - אַ תְּפִלָּה אוֹיף תּוֹרָה מ"ט, ווּאוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז חֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען טֶעג פוּן 'תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה', אַזוֹי וִוי תִּשְׁרֵי זֶענֶען טֶעג פוּן 'תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה', בֶּעט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, לֵייז אוֹיס יֶעדֶע נֶפֶשׁ מִיִּשְׂרָאֵל. יֶעדֶער פוּן אוּנְז וֵוייסְט וִויפִיל דֶער חָמֵץ אוּן זוֹיעֶרְקַייט פוּן הַארְץ שְׁטֶערְט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה."

יֶעצְט גֶעפִינֶען מִיר זִיךְ אִין דֶער חֹדֶשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׂאוֹר – זוֹיעֶרְקַייט, דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מָרוֹר בַּיים סֵדֶר צוּ וַוייזְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן מְרִירוּת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה כ"ז): אַז "מֶען מוּז דָאס הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט זִיס דִי בִּיטֶערְנִישְׁן."

מִיר דַארְפְן אַסַאךְ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "ווּאוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס דִי גִימַטְרִיָּא פוּן זַיין נָאמֶען 'נַחְמָן' אִיז 'פֶּסַח'!" אַזוֹי וִוי אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרִיקְט אוּנְטֶער פַּרְעֹה, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט דַעַת אוּן קְלָארְקֵייט אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז אֲפִילוּ אִין מִצְרַיִם אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מִיט זֵיי, אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאבְּן מִיר צַדִּיקִים וָואס שַׁיינֶען אוּנְז אַרַיין לִמּוּדִים פוּן דַעַת, תִּקְוָה, פוּן שִׂמְחָה, הִתְחַזְּקוּת, בִּפְרָט אִין

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב פריינד הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם בעק הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם איזריעל הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ארי' לייב גאלדשטיין הי"ו
לרגל הולדת בנו נחמן ברוך למזל טוב

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן 'אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי', וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן עֶר שְׁרַייבְּט אַז דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער 'וַיִּקְרָא' וואו מֶען רֶעדְט פוּנֶעם מִשְׁכָּן, אַז דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע קְלֵיינֶע פִּיצְקֶעלֶעך 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט סֵייוִוי, מֶען דַארְף עֶס נָאר צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן אִין אַ בְּרִיוו: "דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער מִשְׁכָּן בִּפְרָט דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט וֶועגְן חֲנֻכַּת הַמִּשְׁכָּן דַארְפְן מִיר וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע זַאכְן גֶעשֶׁען הַיינְט אוֹיךְ." נָאךְ שְׁרַייבְּט ר' נָתָן אִין אַ בְּרִיוו, "עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים, 'קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת'" (שיר השירים ב, ח), זָאגְט ר' נָתָן, "דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעקוּקְט נָאר אוֹיף זֵייעֶרֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים סֵדֶר, 'וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי,' אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס מִדּוֹת אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, 'נָאר אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען' וָואס עֶס קוּמְט פָאר אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן וִוי מֶער דִי עֶלְטֶערְן, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אִיבֶּער אַלֶע מַחֲלוֹקֶת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן אוּן לוֹיפְן מִיט אַ זְרִיזוּת אוּן וִויסְן וָואסְפַארַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה אִיךְ טוּ מִיטְן הֶעלְפְן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן 'אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי', פוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וֶועט שׁוֹין בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מֶען וֶועט נָאךְ קֶענֶען דָאס יָאר מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אִין יְרוּשָׁלַיִם אָמֵן.

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*

*פאר זיינע ליבע קינדער*

אִיךְ דַארְף אַן אַייסֶעס!" הָאט שְׁלוֹמִי, אוּנְזֶער קְלֵיינֶע בְּרִידֶערְל גֶעזוּנְגֶען.

"וָואס הָאסְטוּ דִיךְ יֶעצְט דֶערְמַאנְט פוּן אַן אַייסֶעס? יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁבָּת. יוֹם טוֹב. וֶוער עֶסְט יֶעצְט אַייסֶעס?"

"יָא יָא אַייסֶעס. אַייסֶעס." הָאט עֶר וַוייטֶער פַארְפִירְט. זַיין צְוֵוי-מִיט-אַ-הַאלְבְּן יֶערִיגֶע מֹחַ הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט וִויסְן נָאר פוּן אַן אַייסֶעס.

"בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן."

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט אִינְמִיטְן אַ הֶעלְן טָאג בַּאקוּמֶען אַן אַייסֶעס אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים בָּרוּךְ הַשֵּׁם וֵוייסְן אַלֶע אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אַלֶעס פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֶען בְּרוֹיךְ, גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין בֶּעט מֶען פוּן דֶעם כֹּל-יָכוֹל.

שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג.

"קִינְדֶער, מֶען דַארְף גֵיין צַאמְנֶעמֶען דִי קַאסֶעס," הָאט אוּנְז מַיין מַאמֶע דֶערְמַאנְט. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי זְכִי' יֶעדֶע חֹדֶשׁ אַרוּמְצוּגֵיין צוּ אוּנְזֶערֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער שְׁכֵנִים וָואס וואוֹינֶען אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט צַאמְצוּנֶעמֶען דִי צְדָקָה קַאסֶעס פוּן 'רֶבִּינְ'ס לִיכְט'. אַ גַאנְצֶע חֹדֶשׁ לֵייגְן דִי גֶעטְרַייעֶ חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן אַרַיין צְדָקָה אִין דֶעם קַאסֶע אוּן וֶוען מִיר קוּמֶען דָאס נֶעמֶען הָאבְּן מִיר שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ מִיט מַטְבֵּעוֹת וָואס מִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי מַעֲרֶכֶת אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען

ווייטֶער אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

„אִיךְ ווִיל אוֹיךְ מִיטְגֵיין," הָאט שְׁלוֹמִי גֶעבֶּעטְן. אוּן מַיין מַאמֶע הָאט גֶערְן מַסְכִּים גֶעוֶוען. זָאל עֶר אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע קַאסֶעס אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי מִשְׁפָּחָה וָואס נֶעמְט דָאס צוּזַאם. זֵיי הָאבְּן דָאס אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן גֶעהֵייסְן ווַארְטְן אַ מִינוּט בִּיז זֵיי בְּרֶענְגֶען אוּנְז אַ גוּטֶע זַאךְ. זֵיי קוּמֶען אַרוֹיס מִיט אַ- - - מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז שְׁלוֹמִי'ס תְּפִלּוֹת פוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁנֶעל מְקוּיָם גֶעוָוארְן. עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זַיין אַייסֶעס!!!

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גִיבְּט פַּאר מִיר דֶער נֶעמְט. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן פַּארְן רֶבִּינ'ס הֵיילִיגֶע הַפָּצָה אוּן שׁוֹין זֶענֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן.

# לעובדא ולמעשה

*מֶען הָאט אִין אוּמַאן נָאכְדֶערְצֵיילְט פוּן דִי גְדוֹלִים דִי מַעֲשֶׂה:*

אַ מֶלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ שַׂר, אוּן דֶער שַׂר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דֶער כָּבוֹד פוּן דֶער מֶלֶךְ אוּן ס'אִיז אִים גֶעקוּמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֹנֶשׁ.



דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גֶעמַאכְט הֶעכֶער, אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הֶעכֶער, אִים גֶעמַאכְט הֶעכֶער, אִים גֶעגֶעבְּן אַ הֶעכֶערֶע הִתְמַנּוּת! טְרַאכְט זִיךְ דֶער שַׂר; 'אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִינֶעם מֶלֶךְ, אוּן עֶר מַאכְט מִיר נָאךְ הֶעכֶער?!' עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעשֶׁעמְט, אַ גֶעוַואלְד! דֶער מֶלֶךְ מַאכְט מִיר נָאךְ הֶעכֶער?! וָואס מֶער עֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט הֶעכֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער צוּ שֶׁעמֶען, גֶעוַואלְד! „אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ אִיךְ הָאבּ אִין אַייךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן אִיר מַאכְט מִיר אַלְץ הֶעכֶער?!" הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אִים גֶעוִויזְן אַז וָואס מֶען מַאכְט אִים הֶעכֶער, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶערֶער!!

דָאס אַלֵיין ווִיל דֶער רֶבִּי אוּנְז לֶערְנֶען מִיטְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת! אַז אִיךְ בִּין אִים דַן לְכַף זְכוּת, אִיךְ שְׁפַּיי אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וֶועט דָאס גָאר בְּרֶענְגֶען צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶס לִיגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִמּוּד אִין דֶער וֶועג, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִמּוּד, סַיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין - דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף דַן זַיין 'זִיךְ' לְכַף זְכוּת, אוּן 'יֶענֶעם' לְכַף זְכוּת! אוּן מֶען דַארְף דַן זַיין דִי שְׁטוּב לְכַף זְכוּת, אוּן מֶען דַארְף פִירְן אַ שְׁטוּב פוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת! ס'אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִמּוּד, דָאס אִיז אַ לִמּוּד!

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; דוּ זֶעסְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, „וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה"?! מִיט דֶעם קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טוּן! דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם, דָאס אִיז אַ וֶועג אַז יֶענֶער זָאל קֶענֶען טוּן תְּשׁוּבָה,

# סדר המעמד

בעזהשי"ת

מעמד סיום

סיפורי מעשיות

## ב' דחול המועד פסח

## יום שלישי באולם

## אוהל פיגא

רחוב אדמו"ר מבעלזא 8,

בית שמש

## בשעה 1:00

1:00 פתיחת שערים

1:15 התחלת המעמד

1:30 דברי פתיחה ע"י אחד ממשפיעי אנ"ש

1:40 ניגוני חג

2:00 סיום על ספה"ק סיפורי מעשיות

2:10 שאלות לחידוד הסיפורים

2:20 התחלת ספה"ק סיפורי מעשיות

2:30 געכאפט דעם באן

3:45 ריקודים והמחאת כף

4:00 גורלות ופרסים

4:15 סיום המעמד בעז"ה

פאר מער פרטים רופט 02-5-3333-72

מען בעט די חשוב'ע קינדער זאלן מתפלל זיין
אז דער הייליגער מעמד זאל ברענגען כבוד שמים
און כבוד פארן שם הצדיק.

# אִין דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען!

מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים עֶפֶענוּנְג פוּנֶעם הַקְדָמָה פוּנֶעם פָארְכְטִיגְן הֵיילִיגְן ׳סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת׳ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט הֵיילִיגְן גֵייסְט הָאט אוּנְז דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער נֶענְטֶער אוּן בֶּעסֶער אוּן נִישְׁט נָאכְגֵיין נָאךְ דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶעם עוֹלָם הַזֶה.

ר׳ נָתָן חַזֶר׳ט כְּסֵדֶר אִיבֶּער מִיר זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מִיר זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל, נֵיין, דָאס זֶענֶען מַעֲשִׂיּוֹת וֶועלְכֶע פַארְמָאגְן סוֹדוֹת אוּן גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת.

אוֹיבּ מִיר זָאלְן נֶעמֶען אִין הַאנְט ׳אַבִּיסְל זַאמְד׳ פוּן אַ ׳גְרוֹיסְן בַּארג׳, קֶענֶען מִיר זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע בַּארְג?! דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ פִּינְטְל פוּנֶעם בַּארְג. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר גָארְנִישְׁט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר עֶפֶּעס אַ פוּנְק פוּנְדֶערְוַוייטְנְס פוּן אִיר אֱמֶתֶ׳ע כַּוָּונָה.

פוּן ר׳ גַמְלִיאֵלְ׳ס נְסִיעָה וֶועלְן מִיר אַבִּיסְל כַאפְּן וִוי וַוייט מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס וֶוערְטֶער.

ר׳ גַמְלִיאֵל אַ בַּאווּאוּסְטֶער בַּעַל דַרְשָׁן, אִיז אַרַיין אִין טֶעקְסִי פָארְנְדִיג צוּ אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפְלֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר. עֶר זֶעצְט זִיךְ אִינֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן זִיץ אוּן אִיז פַארְטוּן אִיז זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס עֶר וֶועט אִיבֶּערְגֶעבְּן.

זַיינֶע אוֹיגְן בַּאטְרַאכְטְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרוּם אִים אוּן אָט שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אָפּ אוּן בַּאטְרַאכְטְן אָט דִי מָאדְנֶע זַאךְ. ״וָואס אִיז דָאס?״



טְרַאכְט עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט צוּ זִיךְ. עֶפֶּעס וִוי אַ פִּירְקַאנְטִיקֶע בְּרֵייטֶע קֶעסְטְל לִיגְט נֶעבְּן דֶעם טֶעקְסִי דְרַייוֶוער, דֶער קֶעסְטְל פַארְמָאגְט מֶער פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט קְנֶעפְּלֶעךְ אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיף גָאר אַ מְסוּדָרְ׳דִיגֶע וֶועג. ״וָואס אִיז דֶער שְׁפִּיל?״ פְּלָאגְט עֶר זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין. צוּ זַיין גְרוֹיס וואוּנְדֶער וֶוענְדְט עֶר זִיךְ צוּם דְרַייוֶוער פְרֶעגְנְדִיג: ״וָואס אִיז דֶער נַייעֶר שְׁפִּיל וָואס לִיגְט נֶעבְּן אַייךְ, עֶס זֶעט אוֹיס גָאר אַ טַייעֶרֶע שְׁפִּיל וָואס פַארְמָאגְט אַזוֹיפִיל קְוֶועטְשֶׁערְס אוּן קְנֶעפְּלֶעךְ?״, דֶער דְרַייוֶוער צִיט אוֹיס אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט.

וָואס, דִי מֵיינְסְט דֶעם קֶעסְטְל?! יָא טַאקֶע, עֶס אִיז אַ טַייעֶרֶע שְׁפִּיל! מֶער פוּן טַייעֶר!... דֶער דְרַייוֶוער הָאט הֲנָאָה אוּן שְׁמֵייכְלְט צוּ זִיךְ.

ר׳ גַמְלִיאֵל מִיט זַיין שַׁארְפְן קֶעפְּל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוּנְטֶערְן שְׁמֵייכְל לִיגְט עֶפֶּעס טִיפֶערְס, פְרֶעגְט עֶר: ״וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן ׳אַ טַייעֶרֶע שְׁפִּיל׳?״

״אִיךְ וֶועל דִי מַסְבִּיר זַיין מַיין פְרַיינְט״ עֶנְטְפֶערְט דֶער דְרַייוֶוער אַנְגֶענֶעם. אִיךְ פְלֶעג אַרְבֶּעטְן אִין אַ רִיזִיגְן פַאבְּרִיק וִוי מֶען פַאבְּרִיצִירְט ׳פְּרִיוַואטֶע פְלִיגֶערְס׳, דָארְט פְלֶעגְן מִיר צַאמְשְׁטֶעלְן אוּן שְׁמֶעלְצְן טוֹיזְנְטֶער אוּן מִילְיָאנֶען שְׁטִיקֶעלֶעךְ אוּן פִּיצְקֶעלֶע אֵיידֶעלֶע דְרָאנְטְן. הַיינְט בִּין שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ, דָאס אִיז וָואס אִיךְ טוּ אִיז נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן אֵיין אָרְט צוּם צְוֵייטְן, אָבֶּער וָואס

אִיז מִיר יָא גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי עֶרָאפְּלַאן-פַאבְּרִיק צוּ פִירְן פוּן מָאל צוּ מָאל חֲלָקִים אוּן טֵיילְן פוּן דִי עֶרָאפְּלַאנֶען פוּן אֵיין פַאבְּרִיק צוּם צְוֵוייטְן.

הֶער מִיר גוּט צוּ, דֶער שְׁפִּיל פוּן וָואס דוּ הָאסְטוּ גֶערֶעדְט קוּקְט אוֹיס נִישְׁט מֶער וִוי אַ שְׁפִּיל, אָבֶער אִיךְ וִויל אַנְטְפְּלֶעקְן אַ סוֹד אַז דָאס אִיז דֶער ׳קָאנְטְרָאל קֶעסְטְל׳ פוּן דֶעם וֶוערְט גֶעפִירְט דֶער גַאנְצֶער עֶרָאפְּלַאן! וִויפִיל אִיךְ זָאל פְּרִיוְון דִיר עֶס מַסְבִּיר זַיין, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן יֶעדְן קְוֶועטְשֶׁער, וַוייל אִיךְ אַלֵיין וֵוייס אוֹיךְ נִישְׁט...

״צוּם בַּיישְׁפִּיל, זֶעסְט דָא עֶטְלִיכֶע קְוֶועטְשֶׁערְס, זֵייגֶערְלֶעךְ אוּן רוּקֶערְס, אִין פַארְשִׁידֶענֶע מָאסְן, קָאלִירְן אוּן אַפָּאר רַייעֶס. יֶעדֶעס קְנֶעפְּל הָאט אַ קָאוד אִין נוּמֶערְן אוּן אוֹתִיוֹת. מִיט אֵיין קְנֶעפְּל עֶפְנְט מֶען דֶער פְלִיגְל פוּנֶעם עֶרָאפְּלַאן. וֶוען מֶען דְרוּקְט אוֹיף דֶעם קְנֶעפְּל פִיר סְקוּנְדֶעס צִינְד זִיךְ אָן דֶער מָאטָאר. זֵייגֶערְל 8 וַוייזְט וִוי דִי גַאזַאלִין הַאלְט. דָא קֶען מֶען רֶעדְן צוּם קָאנְטְרָאל צֶענְטֶער אוּן גֶעבְּן אַ וָוארֶענוּנְג סִיגְנַאל פַאר אַנְדֶערֶע עֶרָאפְּלַאן זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן״.

אַזוֹי הָאט דֶער דְרַייוֶוער אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַ לִיסְטֶע פוּן גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹיפְטוּעֶן וָואס יֶעדֶע קְנֶעפְּל טוּט בַּאַדַייטְן. ״זָאלְסְט וִויסְן״ פִירְט אוֹיס דֶער דְרַייוֶוער, ״וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט דִי טִיפְקַייט פוּן יֶעדְן קְנֶעפְּל קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מֶער טִיפֶערֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי אַלֶע קְלֵיינֶע קְוֶועטְשֶׁערְס...״

וֶוען ר׳ גַמְלִיאֵל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז אַ ׳קְלֵיינֶער מָשָׁל׳ לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָלוֹת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, וִוי ר׳ נָתָן בְּרֶענְגְט אִין זַיין הַקְדָמָה אוֹיף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת:

דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט זֶענֶען גָאר טִיף אוּן בְּרֵייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, עֶס לִיגְט בַּאהַאלְטְן דָארְט הֵיילִיגֶע חִדּוּשִׁים, סוֹדוֹת אוּן פוּנְקְטְלִיכֶע לִמּוּדִים וָואס אִיז פוּנְקְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶע פְּרָט אוּן גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, יֶעדֶע מַעֲשֶׂה בַּאזוּנְדֶער אִיז גֶעבּוֹיעֶט וִוי אַ הֶערְלִיכֶע אוֹיג-פַארְכַאפְּנְדֶע בִּנְיָן. יֶעדֶער עִנְיָן אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן גֶעמָאסְטְן עֶס לִיכְט דֶערִין גָאר טִיפֶע כַּוָּנוֹת גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִיז פוּן גָאר הוֹיכֶע וֶועלְטְן.

דֶערִיבֶּער, אַז מִיר טְרֶעטְן צוּ צוּ דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת וֶועלְכֶע וֶועלְן אוּנְז דֶערְוֶועקְן צוּ עֲבוֹדַת ה׳, דַארְפְן מִיר וִויסְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע שׁוּרָה, יֶעדֶעס וָוארְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אֵיין פְּרָט צְוֵויי מָאל, לִכְאוֹרָה קֶען עֶס אוֹיסְקוּקְן וִוי אִיבְּרִיג, אָבֶער צוּם אֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין וָוארְט וָואס זָאל וֶוערְן גֶעשְׁרִיבְּן אוּמְזִינְסְט.

אֵיינְמָאל זֶענֶען גֶעזֶעצְן ר׳ נָתָן אִינְאֵיינֶעם מִיט ר׳ נַפְתָּלִי אוּן זִיךְ מְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען אִיבֶּער דִי כַּוָּנָה פוּן אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת, אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע מְדַיֵּיק גֶעוֶוען מִיט דֶעם פְּרָט אָדֶער נִישְׁט, זֶענֶען זֵיי אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן פְרֶעגְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַלֶעס אִיז פוּנְקְט מְדֻיָּק אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְדְרֵייט דִי מַעֲשֶׂה פַארְפֶעלְט עֶר גָאר אַסַאךְ...״.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן אוּן עֶנְדִיגְן אוּן לֶעבְּן מִיט דִי מַעֲשִׂיוֹת וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן וֶוערְן פְרִישֶׁע לֶעבֶּעדִיג בְּרֶענֶעדִיגֶע אִידְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה אָמֵן

המשך פון די לעצטע זייט




אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דֶעם קֵייסֶערְס גֶעוֶועלְטִיגוּנְג.

דֶער קְלֵיינֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ אֵיין טָאג אַרוּמְגֶעזֶען אִין אַ פַּארְגֶעלֶעגְנְהַייט, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ זֶע דָאךְ אַז דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ רָאד, אֵיינְמָאל גֶעוִוינְט דֶער, דָאס צְוֵוייטֶע מָאל קוּמְט דֶער אַנְדֶערֶער אוּן נֶעמְט צוּרִיק אֵיין, וֶוער וֵוייסְט וָואס דֶער מָארְגְן וֶועט בְּרֶענְגֶען, אֶפְשַׁר וֶועט זִיךְ עֶס דְרֵייעֶן אוֹיף קָאפּוֹיעֶר... וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?'

גֶעגַאנְגֶען אִיז דֶער קֶענִיג אוּן גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן אַ רִיזְן בַּאשִׁיצוּנְג וָואנְט נֶעבְּן וַואסֶער, דָארְט אִין דֶעם פֶּעסְטוּנְג הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן אַלֶע זַיינֶע אוֹצְרוֹת אוּן גֶעלְטֶער וָואס עֶר הָאט צַאמֶענְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע לַאנְד אֵיינְוואוֹינֶער דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן, עֶר הָאט גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן צִימֶערְן אוּן אִין אֵיין שְׁטוּב הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַטְבֵּעַ.

אוֹיפְן טִיר הָענְגְט אַ טָאוול וָואס לָאזְט וִויסְן דֶער נָאמֶען פוּן דִי וֶוערְטְפוּלֶע מַטְבֵּעַ וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם צִימֶער.

בַּיים עֶפֶענוּנְג פוּנֶעם פֶּעסְטוּנְג אִיז גֶעוֶוען אַ פַאכְמַאנִישֶׁע פַארְצְוַוייגְטֶע מַאשִׁין, וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט, וַוייל וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט גֶענוֹי דִי וֶועג אוּן אַרַיינְגַאנְג צוּ יֶעדֶער זַייט בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אַהִין, הָאט דֶער מַאשִׁין אָפְּגֶעהַאקְט זַיין קָאפּ.

אוֹיפְן גְרוֹיסְן טָאוול הֶעכֶערְן מַאשִׁין, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁפְּרַאכְן דִי וֶועג אוּן קְלוּגְשַׁאפְט וִוי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין צוּ עֶפֶענֶען דִי מַאשִׁין אָן וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט אוּן קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן צוּ אַלֶע זַייטְן, אוּן אַזוֹי אַרוּיף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי צִימֶערְן אוּן נֶעמֶען דָארְט דִי מַטְבֵּעַ פוּן יֶעדְן צִימֶער אוּן נִישְׁט וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט פוּנֶעם גֶעפַארְפוּלְן מַאשִׁין.



נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶענֶען וִוילְדֶע כְוַואלְיֶעס אַרוּיף פוּן דִי שְׁטוּרְמִישֶׁע וַואסֶער, אוּן פַארְשְׁוֶועמְט דֶעם אִינְזְל אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶער פֶּעסְטוּנְג אוּן אִירֶע צִימֶערְן מִיט אִיר גַאנְצֶע אִינְהַאלְט. דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם קֶענִיג מִיט אִירֶע אֵיינְוואוֹינֶער.

הַמְשֵׁךְ בעז"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

## תפלה אויף פסח

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די ווין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ')



# דעם רבינ'ס משלים

## וועמען געהערט דער אוצר? (א)

אינעם הערליכן אריסטאקראטישן פאלאץ זיצט זיך דער קעניג מיט א רואיגקייט. שוין יארן וואס ער געוועלטיגט אויף עטליכע קליינע לענדער. ווען איין טאג האבן זעלנער פונעם גרויסן קייסער אויפגעבראכן די גרעניצן און איינגענומען אים אינאיינעם מיט זיינע לענדער, קיין סאך ברירות איז אים נישט געבליבן נאר זיך צו אונטערטעניגן צום גרויסן קייסער און קעניגן אונזער זיין הערשאפט. דער גרויסער קייסער האט זיך נישט באגנוגט דערמיט נאר ווייטער איינגענומען נאך קעניגן מיט זייערע לענדער.

אריבער איז א שטיק צייט ווען דער קליינער קעניג טראכט צו זיך: 'וואס עפעס זאל איך מיט די אנדערע קעניגן זיין אונטערדרוקט אונטער דעם גרויסן קייסער, לאמיר גיין זיך צאמרעדן מיט די אנדערע קעניגן און אינאיינעם זיך נוקם זיין מיט דרייסט, מיר וועלן ארויסנעמען אלע געווער און צוזאמען מלחמה האלטן, אזוי וועלן מיר אומקערן אונזער קעניגרייך און מער נישט זיין אונטערגעווארפן אונטער דעם געוועלטיגער'.

דער קעניג האט טאקע געשיקט שליחים צו די אנדערע קעניגן און אינאיינעם געגאנגען אין קאמף קעגן דעם גרויסן קייסער וואס האט זיי פארקנעכטעט. א גרויס מיליטער געפאנצערט מיט קריגס קליידער, אנגעלאדנטע בוגנס מיט פאנצערס קומען צו גיין מיט א גערויש, אן קיין שרעק האבן זיי מצליח געווען צוריק איינצונעמען זייערע לענדער, נאך מער פון דעם, זיי האבן גאר מצליח געווען איינצונעמען נאך שטיקער לאנד וואס

המשך אויף זייט 10

# געכאפט דעם באן

### צום הייליגן רבי'ן




בעז"ה

**מודעה חשובה**

מען קען שוין באקומען די קארטלעך צום גרויסארטיגן
**מעמד סיום ספר סיפורי מעשיות** ביי:

משפחת פרקוביץ רחוב רבי צדוק 8
משפחת וועבערמאן בן איש חי 54 קומה 1
משגיח חדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו
משפחת פוקס עובדיה הנביא 16 דירה 6 רמה ג'
משפחת שפירא רב חנן 18 דירה 17 רמה ד'
אדער ביי אלע חברת פון מורשת הנחל און קרן אור פאר א ספעציעלע פרייז.

די פרייז איז 25 ש"ח, ביים סיום וועט דער פרייז שטייגן צו 35 ש"ח.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז תפלה"
מען בעט די קינדער זאלן מתפלל זיין להצלחת המעמד
שנזכה לפרסם שם השם
ושם הצדיק בעולם.